# פרשת שלח כ' – כ"ו סיון תשע"ח לפ"ק

*__יום ראשון פרשת שלח__*

במשך ימי השבעה על פטירת אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל** התפלל **רבינו שליט"א** תפלת שחרית בבית המדרש סאמבאטהעלי (במשך ימי השבעה לא אמרו תחנון במנין **רבינו שליט"א**), ואחר כך עבר לבית המדרש תולדות אהרן לישב שבעה יחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** ובני הנפטר הגדול זצ"ל.

בשעות לפני הצהרים הגיעו לניחום אבלים הגאונים וצדיקים (לפי סדר הגעתן): **רבי צבי פאללאק שליט"א** אב"ד גראסווארדיין, **רבי משה מרדכי פאללאק שליט"א** אב"ד וואדקערט, **האדמו"ר מזשמיגראד שליט"א** (43 סט.), **רבי חיים ראזענבערג שליט"א** ר"י שערי יושר, **רבי יצחק שטיין שליט"א** ראב"ד פאלטישאן, **רבי אברהם יהושע העשיל פריעדלענדער שליט"א** אב"ד היבנוב, **רבי יחיאל ברוך געללער שליט"א** דומ"ץ באבוב וומסב"ג, **האדמו"ר מראפשיץ שליט"א**, **רבי ישראל חיים קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן - בית שמש.

*__וזה תוכן השיחות:__*

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודא שליט"א:** ווען מען האלט אינמיטן שמונה עשרה, דארף מען זיך צויאגן צו קענען זאגן קדיש? איך פארשטיי אז מען דארף זעהן מהנה צו זיין די נשמה, אבער צו דארף מען לכבוד דעם צו איילן זיין דאס דאווענען?

**רבינו:** ביי חסידים האט מען זיך קיינמאל נישט געיאגט ביים דאווענען. אבער על פי הלכה (עיין **בשו"ע** סימן קכ"ב סעיף א') דארף מען אויסלאזן אלקי נצור, כדי צו קענען ענטפערן ברכו, אדער קדושה, אדער קדיש, ווייל דאס איז נאר תחנונים.

**הרה"ג רבי חיים יהודא שליט"א:** קדיש קען מען ענטפערן אינמיטן אלקי נצור אויך.

**רבינו:** אבער עס איז חשוב'ער אז מען זאל נישט מפסיק זיין אינמיטן די תחנונים. ענדערש זאל מען אויסלאזן די תחנונים, כדי מען זאל קענען ענטפערן. דאס איז על פי דינא דשלחן ערוך.

**הרה"ג רבי חיים יהודא שליט"א:** עס איז דא א מנין וויפיל קדישים מען מוז זאגן?

**רבינו:** ביי שחרית איז דא בערך זיבן קדישים (עיין **בבית יוסף** סימן נ"ה, והובא **בשולחן ערוך הרב** שם סעיף א', **ובמשנה ברורה** סק"ה). און פון דעם איז נאר דא איין קדיש וואס געהערט פאר די יתומים. אמאל איז געווען איין בעל תפלה וואס ער האט געדאווענט שטענדיג, די אבלים האבן נישט באקומען א עמוד צו דאווענען. עס איז געווען א שליח ציבור וואס ער האט געדאווענט פארן עמוד. איין קדיש, דער לעצטער קדיש, האט דער שליח ציבור נישט געזאגט, און מען האט עס געלאזט פאר די אבלים, און וועגן דעם הייסט עס קדיש יתום.

**בנו הרה"ג רבי אהרן שליט"א אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג:** דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט נישט זאגן קדיש נאך עלינו. דער זיידע זצ"ל (מתולדות אהרן) האט געזאגט, אז מען זאל נישט מרבה זיין מיט זאגן קדיש. ער האט נאר געזאגט קדיש פאר עלינו.

**רבינו:** פונעם **חתם סופר** ברענגט מען צו, אז ער האט מדקדק געווען אז יעדע תפלה זאל זיך ענדיגען מיט א קדיש. און ער האט אלץ געזאגט א קדיש נאך עלינו (עיין **בשו"ת זכרון יהודה** סימן עג).

**הרה"ג רבי חיים יהודא שליט"א:** דער טאטע ז"ל האט געזאגט קדיש נאך תהלים.

**רבינו:** נאך עלינו נישט, און נאך תהלים יא. דאס איז דער ווארט, ווייל ער האט געוואוסט אז מען גייט באלד זאגן תהלים, האט ער נישט געזאגט א קדיש נאך עלינו, נאר נאך תהלים, און דאס איז געווען דער קדיש מיט וואס מען האט געענדיגט דאס דאווענען.

**הרה"ג רבי אהרן שליט"א:** שבת, און נאך מנחה און מעריב, האט ער יא געזאגט קדיש נאך עלינו.

**רבינו:** ווייל ער האט געוואלט ענדיגען דאס דאווענען מיט א קדיש.

---

**עובדות מהגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**
**בעניני ברית מילה**

---

**הר"ר חיים בנציון וויינפעלד:** דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** האט פארציילט פאר מיין טאטע (הרה"ח רבי **וואלף וויינפעלד** הי"ו, מוהל מומחה) אז ווען ער

האט געוואוינט אינדערהיים אין מאקאווא, איז געווען דארט א אלמנה מיט צוויי יתומים, און די אלמנה איז זייער קראנק געווארן, און מען האט מורא געהאט, אז די צוויי יתומים וועלן ווערן קייליכיגע יתומים, און זיי וועלן פאלן אויף די קהלה. האט איינער מציע געווען, אז מען זאל זיי שיקן צום **סטראפקובער רב** (**הרה"ק רבי אברהם שלום**) **זצ"ל**, אז זיי זאלן אויס'פועל'ן א ישועה. און מען האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלן נישט אוועקגיין, ביז ווילאנג ער זאגט זיי צו א ישועה. זיי מוזן הערן ווי אזוי ער זאגט צו, און אויב ער זאגט נישט צו, זאלן זיי אים נישט אפלאזן. - זיי זענען אליין ארויף אויפן באן צו פארן פון מאקאווא קיין קאשוי, און דער קאנדאקטער האט געבעטן פון זיי געלט, האבן זיי אנהויבן צו וויינען, אז זיי זענען צוויי ארימע יתומים און זיי האבן נישט. האט ער רחמנות געהאט, און ער האט זיי געלאזט גיין.

זיי זענען אנגעקומען פארטאגס, און איינער האט זיי אנגעוויזן וואו דער **סטראפקובער רב** איז, און ער האט זיי געזאגט, אז פארן דאווענען קען מען נישט צוגיין. האבן זיי אויסגעווארט ביז נאכן דאווענען, און זיי זענען צוגעגאנגען און אנגעהויבן צו וויינען, אז זיי זענען צוויי יתומים, און זייער מאמע איז קראנק, און זיי דארפן א רפואה. האט ער זיי אנגעוואונטשען. האבן זיי געבעטן, אז דער רבי זאל צוזאגן. האט ער געזאגט, איך זאג נישט צו. און זיי זענען אים נאכגעגאנגען דעם גאנצן וועג אהיים פון בית המדרש, און ווען ער איז אנגעקומען אהיים, האט ער זיי אנגעוואונטשען, און צוגעמאכט די טיר.

האבן זיי באמערקט אז אין די זייט פונעם הויז איז דא א פענסטער, און דער **סטראפקובער רב** האט זיך אוועקגעזעצט דארט לערנען. האבן זיי אנגעהויבן צו ווארפען זאכען אויף די פענסטער, און די רעבעצין איז ארויסגעקומען, זי האט נישט געוואוסט פון די גאנצע זאך, און זי האט געפרעגט וואס גייט פאר. האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען, און זיי האבן פארציילט די גאנצע מעשה. די רעבעצין האט באקומען א רחמנות געפיל, איז זי אריינגעגאנגען בעטן פונעם **סטראפקובער רב**. האט ער איר געזאגט, יא, איך האב זיי שוין אנגעוואונטשען, אבער איך קען נישט צוזאגן. האט זי געזאגט, אבער דאך, צוויי קינדער יתומים. האט ער געזאגט, איך האב זיי שוין אנגעוואונטשען, און איך קען נישט צוזאגן. אזוי איז עס געגאנגען א האלבען טאג, זיי האבן ווייטער געווארפען זאכען אויף די פענסטער, ביז דער **סטראפקובער רב** האט געזעהן אז זיי שטערן אים צו שטארק, האט אים די רעבעצין געזאגט, אז דו קענסט נישט לערנען, גיי ארויס און זאג זיי צו א ישועה. האט ער געפענט די טיר, און ער האט זיי געפרעגט וואס ווילט עטץ, האבן זיי געזאגט, אז דער רבי זאל צוזאגן. האט ער געפרעגט, און אז איך וועל ענק צוזאגן, וועט עטץ מיך אפלאזן. האבן זיי געזאגט, יא, מיר גייען גלייך אוועק. האט ער זיי צוגעזאגט, אז די מאמע וועט אייך פירן אונטער די חופה.

דער **סאמבאטהעלער רב** האט געזאגט, אז יענעם אינדערפרי בין איך געגאנגען אין בית המדרש לערנען, איך בין געווען א כהן, און מיין חברותא איז געגאנגען צו מנין ביי די אלמנה, זי האט שוין געהאלטן ביים אויסגיין. מיטאג ווען איך בין צוריקגעקומען פון בית המדרש, איז געווען אין די גאנצע שטאט א שמחה, מיטאמאל האט זיך די פרוי געגעבן א שטעל אויף, און זי האט געבעטן וואסער זיך צו גיסן די הענט, און זי האט אנגעהויבן צו פרעגן וואו זענען אירע קינדער. האט מען איר מסביר געווען, אז זי האט שוין געהאלטן שמאל, און מען האט געשיקט די קינדער קיין סטראפקוב, און מן הסתם האבן זיי יעצט אויסגע'פועל'ט א ישועה.

ווען די קינדער זענען אוועקגעגאנגען פונעם **סטראפקובער רב**, האט ער זיי צוריקגערופן, און ער האט זיי געפרעגט, ווי אזוי פארט עטץ אהיים. האבן זיי געזאגט, מיטן באן. האט ער זיי געפרעגט, ווי אזוי וועט מען באצאלען פאר די באן. האבן זיי געזאגט, מיר זענען געקומען בחנם. האט ער זיי געזאגט, 'קומען צו א רבי'ן, איז עס געגאנגען, אבער אהיים וועט עס נישט גיין'. האט ער ארויסגענומען געלט, און ער האט עס זיי געגעבן. זיי זענען געווען צוויי ארימע קינדער, און זיי זענען ארויף אויפן באן, און זיי האבן געטראכט אז זיי וועלן מאכן די זעלבע מעשה ווי אויפן וועג אהין. ווען דער

קאנדאקטער איז געקומען האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען אז זיי זענען צוויי יתומים, און זייער מאמע איז קראנק. האט ער זיי געזאגט, הערטס מיך אויס, קענט עטץ באצאלן איז גוט, אז נישט דעם קומענדיגען סטא"פ ווארף איך ענק ארויס. האבן זיי ארויסגענומען דאס געלט וואס דער **סטראפקובער רב** האט זיי געגעבן, און זיי האבן באצאלט. ווען זיי זענען אהיימגעקומען איז געווען א גרויסע שמחה אין שטאט, אז די מאמע האט דערלעבט, און זי איז געווארן צוריק כאחד האדם. זי האט איבערגעלעבט די מלחמה, און זיי האבן זיך באזעצט אין קאנאדע.

יארן שפעטער האט דער **סאמבאטהעלער רב** געהאט א ברית אין בארא פארק (ברחוב דיטמיס), און ער האט גערופן מיין טאטע זאל מיטקומען מיט אים. און אינמיטן פאשלען איז צוגעקומען אזא בעסערע מענטש, און ער האט עפעס אריינגעזאגט פארן **סאמבאטהעלער רב** אין די אויערן, און דער **סאמבאטהעלער רב** האט זיך אפגעשטעלט, און געלייגט אלעס אין די זייט, און ער איז ארויסגעגאנגען אין די האלווע"י פון בית המדרש. און עס איז געווען זייער אויפפאלענד פאר מיין טאטען, און ער איז געווען נייגעריג וואס עס גייט פאר, איז ער ארויסגעגאנגען, און ער זעהט ווי א פרוי רעדט מיטן **סאמבאטהעלער רב**, האט ער זיך צוגעשטופט צו זעהן וואס עס גייט פאר. זאגט אים דער **סאמבאטהעלער רב**, דאס איז די פרוי וואס איך דערצייל דיר אלץ, אז זי האט באקומען א ברכה פונעם **סטראפקובער רב**, און זי האט איבערגעלעבט די מלחמה, און זיי האבען זיך באזעצט אין קאנאדע, און זיי האבן יעצט געהאט דעם ברית פון א אור אייניקעל.

דער טאטע פלעגט מיר אויך פארציילען, אז איינמאל איז געקומען א יוד צום **סאמבאטהעלער רב**, אים ליידענען צו א בר מצוה פון א קינד וואס ער איז געווען דער מוהל. און דער **סאמבאטהעלער רב** האט אים געזאגט, אז דאס קינד ווערט נישט בר מצוה יענעם טאג, און ער האט ארויסגענומען דאס ביכל וואו עס איז געווען פארשריבען אלע ברית'ן וואס ער האט געהאט, און מען האט געטראפן אז עס איז געווען צוויי וואכען א חילוק.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער טאטע ז"ל אליינס, האט מיר פארציילט די מעשה, און ער האט מיר געזאגט, אז איך זאל זעהן אויפצושרייבען מיינע ברית'ן, ווייל ער האט געראטעוועט א יוד פון א פאלשע בר מצוה.

**רבינו:** דער **חתם סופר** האט אויך אויפגעשריבן זיינע ברית'ן.

**רבינו** (לאחר שהראו רשימה של הרבנים שהשתתפו אצל הברית של **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**, ביום כ"ח טבת תש"י לפ"ק[א]): דער טאטע ז"ל פלעגט פארציילען, אז ביי די ברית פונעם ברודער ז"ל האט ער גערופן דעם **סאטמארער רב** אויף סנדקאות, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל זיין פונקטליך, ווייל ער האט אסאך געסט פון די פרעמד. מען שטעלט זיך דאווענען אכט אזייגער, און ניין אזייגער דארף זיין דער ברית. און דער **סאטמארער רב** האט געזאגט, אז ער וועט פראבירן. דער טאטע ז"ל האט געטראכט, אז פארן ברית וועט ער אריבערשיקן מודיע צו זיין אז מען זאל קומען. ניין אזייגער איז דער **סאטמארער רב** אנקומען פון זיך אליין. דער ברית איז געווען דארט וואו דער ביקסאדער

---

[א] להלן ציטוט מתוך רשימה שנרשם אז בשעתו מהרבנים הגאוה"צ זצ"ל שהשתתפו בשמחת הברית מילה – סעודה שגדולי הדור מסובין בה: **הגה"ק מסאטמאר זי"ע** שנתכבד בסנדקאות, **הגה"ק רבי מנחם מענדל מסטראפקוב זי"ע** שנתכבד בברכות וקריאת השם, הגאונים הצדיקים: **רבי יונתן שטייף** (אח"כ אב"ד דקעד"י וויען), **רבי לוי יצחק גרינוואלד** אב"ד צעהלים, **רבי אלעזר שפירא** אב"ד קיוויאשד, **רבי משה טייטלבוים** אב"ד סיגעט, **רבי יוסף יונה הלוי הורוויץ** אב"ד פראנקפורט, **רבי יואל צבי ראטה** אב"ד טיסא סאלקא, **רבי חנני' דוב קאהן** ראב"ד פעסט, **רבי רפאל בלום** אב"ד קאשוי, **רבי משה שטערן** אב"ד דעברעצין, **רבי שמעון ישראל פאזען** אב"ד שאפראן, **רבי יעקב סג"ל לעבאוויטש** אב"ד קאפיש, **רבי משה צבי ארי' ביק** אב"ד מעזבוז, **רבי יהודה ליכטענשטיין** אב"ד בעטלאהן, **רבי יעקב צבי סג"ל יונגרייז** אב"ד דיארמאט, **רבי יחזקאל רוטנער** אב"ד שאמקוט, **רבי שלמה זלמן כ"ץ** רב בבראנקס, **רבי יהושע העשיל דייטש** אב"ד פריימאן, **רבי אלעזר ארי' הלוי יונגרייז** אב"ד טשענגער, **רבי חיים מאיר יחיאל שפירא** אב"ד נאראל, **רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין** אב"ד קיוויאשד-קווינס, **רבי חיים ישעי' קעניג** אב"ד יאקע, ועוד.

בית המדרש איז היינט, אינמיטן די גאס איז געווען די בית המדרש פון אגודת ישראל, זיי האבן געהאט א זאל אונטען. און דער **סאטמארער רב** האט שפאצירט פון זיין דירה, און ער איז אנקומען ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען. און ער האט געזאגט, די וועלט זאגט אז איך בין נישט פונקטליך, איך בין פונקטליך, קוקטס דער עולם דא איז נישט פונקטליך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך געדענק ווען דער **סאטמארער רב** איז אנגעקומען. מען האט געהאלטן אינמיטן די שמונה עשרה.

## בענין יום כ' סיון

**רבינו:** איינער האט געפרעגט צו כ' סיון איז געווען אין אונגארן עפעס א ספעצילע טאג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ניין. היינט וואלט מען עס זיכער געמעגט צוריק מחזק זיין. ווייל אויסער די גזירות פון ת"ח ות"ט זענען אויך אונזערע גזירות געווען אין די טעג.

**רבינו:** אין אונגארן האט מען מן הסתם אויך געמאכט חתונות אין דעם טאג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **בעלזער רב זצ"ל** האט נישט געלאזט מאכן א חתונה אין כ' סיון. א טייל האבן געוואלט מאכן א יום תענית נאכן קריג, אזוי ווי מען האט געמאכט כ' סיון, און דער **בעלזער רב** האט נישט מסכים געווען דערויף. אבער דער טאג פון כ' סיון אז עס איז שוין דא, וואלט מען עס געדארפט צוריק מחזק זיין.

**רבינו:** עס איז א פלא, אז מען האט נישט געמאכט קיין שום זכר פאר דעם חורבן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט געווען אזעלכע גדולי ישראל, וואס זאלן עס מתקן זיין.

## בענין הישיבה בסערדאהעלי

**הר"ר יוסף לעפקאוויטש:** היינט איז מיין זיידע'ס יארצייט, רבי יצחק פישעל (ב"ר משה יהודא ז"ל). ער איז געווען א סערדאהעלי'ער תלמיד. איך האב געהאט א פעטער פון די אנדערע זייט, רבי אהרן שמואל געווירץ פון בארא פארק, אויך א סערדאהעלי'ער, און ווען די צוויי פלעגן זיך טרעפן ביי א שמחה, האט אויסגעבראכן א מערכה, ווייל ער איז געווען פון די אנדערע קהלה. זעכציג יאר שפעטער האבן זיי זיך נאכנישט מוחל געווען.

רבי משה שמואל פישער ע"ה איז אויך געווען א סערדאהעלי'ער, און ער פלעגט צו זאגן, אז אפילו די אלע בעלי בתים וואס האבן באלאנגט ביי די אנדערע זייט, האבן זיי אבער געוואוסט, אז טאמער מען וויל אז די קינדער זאלן זיין ערליך און חסיד'יש, דארף מען שיקן צו הרב כ"ץ אין ישיבה.

**רבינו:** א קהלה אמאל איז באשטאנען פון אלע סארט יודען, ביז מחללי שבתים צוזאמען. אויב מען האט זיך נאך געהאלטן עפעס צו יודישקייט, איז מען נישט אוועקגעגאנגען. איך האב קיינמאל נישט געהערט, צו עס איז געווען א נעאלאגישע קהלה אין סערדאהעלי. קומט אויס, אז אין שול איז געווען אלע סארט יודען, פון די פשוט'סטע שבפשוט'סטע, ביז די תלמידי חכמים. און ווען עס האט זיך אפגעטיילט, און עס איז געווארן שפעטער במשך הימים, אז דער חסידישער עולם האט געמאכט שבת פאר זיך, איז על כרחך געבליבן אין די שול נאר די שוואכע. דא איז געווען אלעס היימישע, און דארט איז געווען א געמישעכטס. - ווען דער זיידע וואלט געווארן רב דארט, וואלט עס אפשר נישט בעסער געווען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די ישיבות למצויינים איז אויך די זעלבע נקודה. מען נעמט ארויס די גוטע, און די שוואכערע בלייבן מיט גארנישט. און עס איז א גרויסער חסרון, עס ווערט א חורבן.

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א אב"ד חרדים:** רבי מנחם האבערפעלד ז"ל (מחשובי תלמידי סערדאהעלי) פלעגט פארציילן, אז עס איז געווען אסאך חסידישע בחורים אין די ישיבה. ער האט אמאל אראפגעלייגט ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט די פארטאגס אין ישיבה. ער פלעגט נאכזאגן פונעם זיידען, אז ער האט געטייטשט דעם פסוק (שמות ח-ב) ותעל הצפרדע, 'ותעל', אז מען וויל ארויפגיין און שטייגען אין תורה, 'צפר דע', דארף מען אויפשטיין בצפרא, פארטאגס, און לערנען. און ער האט געזאגט, אז עס איז געווען אזוי קאלט פארטאגס, נישט אייביג איז

געווען הייצונג, און די מקוה איז געווען פארפרוירן, און עס איז געווען א גרויסע עבודה צו גיין אין מקוה, מען איז געגאנגען אין די מקוה ממש מיט מסירת נפש. און פון די מקוה איז מען געגאנגען לערנען פארן דאווענען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** רבי אלעזר דייטש ז"ל האט מיר געזאגט, אז די נעגל וואסער איז געווען פארפרוירן, און מען האט עס געדארפט אויפקלאפן כדי מען זאל זיך קענען וואשן נעגל וואסער, מיט וואס מען האט אנגעגרייט ביי די נאכט.

**אב"ד חרדים:** איך מיין אז ער האט מיר געזאגט, אז דער זיידע פלעגט ארומגיין וועקן די בחורים.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער פלעגט גיין קוקן צו מען איז אויפגעשטאנען. ער האט געהאט א השגחה אויף די בחורים. ער האט געהאט א רשימה פון די קווארטירן, וואו די בחורים שטייען איין. עס איז נישט געווען קיין דארמיטארי, און מען איז איינגעשטאנען דא און דארט.

**רבינו:** מען האט אויך געלערנט אין די קווארטיר. ווען מען איז אויפגעשטאנען פארטאגס, איז מען נישט געגאנגען אין בית המדרש, מען איז געבליבן אין שטוב, און מען האט געלערנט אן א שומר.

**גאב"ד סערדאהעלי:** הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה (נדרים פא.). די תורה קומט נישט פון תענוגי הגוף.

## בענין ישיבה על גבי כסא נמוך בימי האבלות

**הגה"צ מגראסווארדיין** [פנה לגאב"ד סערדאהעלי]: עס איז נישט שווער צו זיצען אזוי (על גבי כר על הקרקע)?

**גאב"ד סערדאהעלי:** קען זיין. דאס איז דען געמאכט פאר פלעזשו"ר? איין זאך זאג איך צו פאר יעדן איינעם, אז אויב מען וועט געבן סוף פונעם טאג א טשע"ק פון טויזנט דאלער, אויב ער טוט עס, טוט ער עס בשמחה רבה, און עס איז נישט שווער אויף אים, בלי שום ספק. פאר א טשעק'ל מאכט ער אלעס, עס מאכט עס שוין מעגליך, אבער אזוי איז עס טאקע נישט מעגליך.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** דער סערדאהעלער רב האט שטארקע כוחות, סיי ביי אבילות און סיי ביי א שמחה. ביי א שמחה טאנצט ער, אז מען קען עס נישט נאכמאכן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען קען עס יא נאכמאכן, מען וויל עס נישט נאכמאכן.

**הרה"ג רבי אהרן שליט"א:** איך האב געהערט פון מיין טאטן ז"ל, אז ער האט אמאל געזאגט פארן פעטער שליט"א (מסערדאהעלי), ווען דער פעטער איז נישט געווען אזוי אין די כוחות, אז אפשר איז די צייט אביסל ממעט זיין, און זיך נישט אזויפיל אנשטרענגען. האט דער פעטער געזאגט, אז עס שטייט אין טור, אז דער יצר הרע קומט צו א יוד ווען ער איז יונג, און ער זאגט אים, דו האסט נאך צייט, ווען דו וועסט עלטער ווערן, דעמאלטס וועסטו זיך נעמען דינען דעם אייבערשטען, יעצט קען מען נאך אביסל נאכלאזן. אויף דער עלטער קומט ער און ער זאגט, עס איז שוין אביסל צו שפעט, עס איז שוין נישט פאר דיינע כוחות. דער זעלבער יצר הרע וואס איז יעצט ביים יונגערמאן און ער זאגט אים אז אויף דער עלטער וועסטו לערנען, איז יעצט ביי מיר און ער זאגט אז איך האב נישט קיין כח, אבער באמת האב איך יא כח. - האט מיר דער טאטע געזאגט, אז מען דארף זיך לערנען פונעם פעטער ווי אזוי מען דארף קוקען אויף יעדע זאך.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** עס איז דא ביי אונז זייער א חשוב'ע משפחה פון תימן, און זיי זיצען שבעה מיט א טלית (משום עטיפת הראש כמבואר **בשו"ע** יו"ד סימן שפו). און זיי זיצען אויך נאר אויף א קישן.

**רבינו:** זיי דאווענען אויך אזוי. איך האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז ווען רבי משה לייב (בעל **ויגד משה** זצ"ל) איז געווען אין ארץ ישראל, איז ער געווען ביים **כף החיים**, און ער איז געזעסן אויף די ערד, אויף א קישן, אן זאקן, און אזוי האט ער געלערנט.

## בענין סעודת הבראה

**הגה"צ מגראסווארדיין:** מען האט געגעסן פרייטאג נאכמיטאג סעודת הבראה?

**גאב"ד סערדאהעלי:** יא.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** עס איז דא א דיעה אז מען עסט נישט פרייטאג נאכמיטאג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער טעם דערפון איז, ווייל מען איז נישט קובע א סעודה פרייטאג נאכמיטאג. אבער היינט עסט מען דאך פרייטאג נאכמיטאג ממילא, אן די סעודת הבראה אויך, קיינער פאסט נישט. דאס וואס מען עסט די קליינע שטיקל ברויט מיט אייער ביי די סעודת הבראה, מאכט דאך נישט ערגער.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** עס שטייט דאך אבער מען זאל נישט עסן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס שטייט אזוי, און עס שטייט אזוי. און אז ער עסט א אנדערע מאל, מעג ער יעצט אויך עסן.

**רבינו:** עס איז שווער צו פארשטיין די טעם פארוואס ער טאר נישט עסן פון אייגענס, נאר א צווייטער דארף ברענגען צו עסן. עס איז נאר דא טעמים פארוואס יענער זאל ברענגען, אבער וואס איז דער טעם אז ער זאל נישט עסן קיין אייגענס?

**הגה"צ מגראסווארדיין:** ווייל דער מענטש איז זייער באזארגט, און ער וועט נישט עסן אליין, האט מען געמאכט א תקנה אז מען זאל נישט עסן אייגענס, כדי אנדערע זאלן ברענגען, און ער זאל מוזן עסן (עיין **בבית יוסף** ריש סימן שע"ח).

**רבינו:** דאס איז א גוטע טעם אז יענער זאל ברענגען, אבער ווען ער וויל יא עסן, פארוואס טאר ער נישט עסן פון אייגענס.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** אז מען האט געמאכט א תקנה, קען ער נישט עובר זיין. אז נישט וועט יעדער טון וואס ער וויל.

**רבינו:** האט מען געקענט מאכן א תקנה אז יעדער זאל עסן, און יעדער זאל ברענגען.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** אויב ער קען עסן אליין, וועט יענער נישט ברענגען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז דא נאך א טעם אין די פוסקים, כדי מען זאל נישט פארגעסן פון אים, און מען זאל אים קומען מנחם זיין. אויב מען וועט אים דארפן ברענגען צו עסן, וועט מען אים שוין מנחם זיין אויך (עיין **בלבוש** סימן שע"ח, **ובשו"ת אגרות משה** יו"ד ח"ב סימן קס"ח).

**הגה"צ מגראסווארדיין:** די שאלה איז צו א זון קען ברענגען, צו א קינד הייסט א אנדערע שטוב?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אויב ער פירט א עקסטערע ווירטשאפט, קען ער ברענגען.

**הגה"צ מגראסווארדיין:** אבער אויב ער איז אויף קעסט ביים טאטן, דעמאלטס איז שוין א שאלה.

**רבינו:** דער אבל אליין קען דאך אויך מזכה זיין פאר יענעם. איך געב דיר איבער דעם ברויט, און ברענג עס מיר צוריק.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב אויך אזוי געטראכט.

**רבינו:** פארוואס זאל מען נישט קענען?

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס שטייט נישט ארויס קלאר אין די פוסקים. אויך, די מנהג איז, אז מען נעמט נישט גארנישט פונעם בית האבל.

**רבינו:** די מנהג איז נאר אז מען נעמט נישט ארויס פונעם בית האבל, אבער אין שטוב קען מען. עס זענען דא וואס האלטן, אז די מנהג איז נאר פונעם בית וואו מען איז נפטר געווארן.

## בענין קריאה ושיחה בסיפורי צדיקים בימי האבלות

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען פארציילט דא סיפורים. א אבל מעג ליינען א מעשה ביכל?

**רבינו:** וואס האט געטון א אבל אינדערהיים?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אויב ער איז נישט קיין תלמיד חכם, איז דאך נישט קיין ראיה פון אים. וואס אימער ער האט געטון, איז נישט קיין ראיה פון אים.

**רבינו:** וואס דארף ער טון ווען ער קומט פרעגן?

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער דארף זיך מצער זיין.

**רבינו:** ער דארף פיר און צוואנציג שעה רעדן פון די אבילות?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אויב ער קען, דארף ער.

**רבינו:** ער טאר נישט טון עפעס אנדערש?

**גאב"ד סערדאהעלי:** אויב ער קען נישט, קען ער נישט. אויב ער קען נישט עסן קיין מצה, עסט ער נישט קיין מצה.

**רבינו:** וואס זאל ער טון? עס איז א חילוק צו ער זיצט ליידיג, צו ער קוקט אין מעשה ספר?

**גאב"ד סערדאהעלי:** ווען ער קוקט אין א מעשה ספר, פארגעסט ער פון די אבילות. ער לעבט מיט מיט דעם ארענדער, און מיט דעם וואס איז געקומען צום בעל שם הק', און ער האט אזוי געטון, און אזוי געטון.

**רבינו:** און ווען איינער קומט פארציילן א מעשה פון א ארענדער, טאר מען נישט רעדן דערפון

אין די אבילות? ניחום איז דער טייטש, נאר ווען מען רעדט פונעם נפטר?! יענער דארף דאך מנחם זיין, יענער האט נישט קיין אבילות. יענער דארף מפכח זיין די אבילות. דאס איז טייטש, אז אויפן אבל ליגט אבלות, און אויף יענעם ליגט אוועקצונעמען די אבילות. (עיין **במג"א** (סימן מ"ד סק"ב) לענין היסח הדעת בתפילין, דלא חשוב היסח הדעת אלא כשהוא עומד בשחוק או בקלות ראש ע"ש).

**גאב"ד סערדאהעלי:** קען דאך דער אבל אליין נעמען א מעשה ביכל, און אוועקנעמען די אבלות.

**רבינו:** די חכמים האבן מחייב געווען אנדערע. מען קען דאך נישט מחייב זיין דעם מענטש צוויי זאכן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ניחום איז טייטש בארוהיגן דורך מצדיק זיין הנהגת השי"ת, און דורך רעדן פון די מעשים טובים פונעם נפטר, און פון די ליכטיגע גן עדן וועלכע ער איז זוכה.

*

**רבינו:** דער **נטעי גבריאל** ברענגט צו, אז אין ליובאוויטש לערנט מען חסידות אויך, זיי לערנען **תניא**.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז א אינטערעסאנטע זאך. עס איז נישט קיין תורה?

**רבינו** (בצחות): זיי פסק'נען אפ, אז **תניא** איז נישט קיין תורה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער ברענגט דאך צו אין תניא א מאמר חז"ל, אדער א פסוק אויף וואס ער שטעלט זיך, דאס איז דאך יא תורה, מוז ער אויסלאזן דעם מאמר חז"ל?

**רבינו:** עס איז א חלק פון מוסר, און מוסר מעג מען לערנען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** פארוואס מעג מען מוסר? מוסר איז נישט קיין תורה?

**רבינו:** זעהט אויס אז עס איז נישט אין כלל פון פקודי ה' ישרים משמחי לב. בעסער געזאגט, פארוואס איז נאר תורה אסור, ווייל עס איז משמח. ווען עס זאל נישט משמח זיין, פארוואס מעג ער לערנען תורה?

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז א גוטע קשיא. מען טאר דאך נישט מסיח דעת זיין פון אבילות. - קען זיין, אז תורה ווייל עס איז א מצוה צו לערנען, וואלט מען נישט עוקר געווען די מצוה פון לימוד התורה, לולא וואס עס איז משמח את הלב. וועגן היסח הדעת, קוקט מען אוועק לכבוד די מצוה. אבער אזוי ווי עס איז משמח את הלב, וואס דאס איז די היפוך פון אבילות, האט מען עס נישט מתיר געווען. עס איז נישט פשט, אז ווייל מען מעג לערנען, מעג מען מסיח דעת זיין פון אבילות. מען מעג דאך שלאפן אויך, כאטש ביים שלאפן איז ער אויך מסיח דעת פון די אבילות. וואס א מענטש מוז טון, מעג ער טון.

איך מיין אז ליינען א מעשה ביכל איז ערגער פון לערנען חסידות, חסידות איז כאטש כובש את הלב ליראת שמים, עס איז מעין פון די אבילות, אבער ווען ער ליינט א מעשה ביכל, טראכט ער אריין אין א צווייטע זאך.

**א' מהמנחמים:** אויף תשעה באב שטייט, אז מען זאל נישט מסיח דעת זיין. אויף אבלות שטייט אויך אז מען טאר נישט מסיח דעת זיין?

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס שטייט ארויס מפורש וועגן היסח הדעת, און עס איז דא כמה פרטים וואס מען האט גע'אסר'ט דערפאר.

**רבינו:** דאס וואס מען גייט נישט אין שול, און מען גייט נישט ארויס אויף די גאס, איז וועגן היסח הדעת.

על פי דינא דגמרא (מועד קטן כא:) איז די איסור פון ארויסגיין נאר אין די שלשה ימים, אבער נאכדעם מעג מען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען מעג נאר גיין צו א ברית, אבער נישט צום דאווענען (עיין **בשו"ע** סימן שצ"ג סעיף ג').

**רבינו:** וואס איז די פראבלעם פון דאווענען אין בית המדרש פארן ברית, ער איז ממילא דארט אויפן זעלבן פלאץ, וואס איז אויב ער איז געגאנגען אין בית המדרש א שעה פריער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** זעהט אויס, אז נאר א זאך וואס מען דארף טון, האט מען מתיר געווען. אבער צום דאווענען דארף ער נישט.

**רבינו:** וואס איז געשעהן די שעה וואס ער גייט פריער אין בית המדרש. זעהט אויס, אז בעצם די שעה פון זיצען אין בית המדרש, איז מסיח דעת (ועיין **בחידושי הגרא"ז מרגליות** על הל' אבילות אות י"א).

*

**רבינו:** וואס האט מען געטון נעכטן (מוצאי שבת) מיט מעריב? מען האט געדאוונט אין בית המדרש? [**רבינו שליט"א** התפלל בבית המדרש מלובש בבגדי שב"ק (בלי המנעלים)].

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געדאוונט אין שטוב. מען האט זיך געדארפט איבערטון. תשעה באב טוט מען אויך אזוי, מען דאוונט נישט מעריב מיט די שטריימל אין בית המדרש.

**רבינו:** דאס איז וויל מען זאגט נאכדעם די קינות, און מען וויל נישט זאגן די קינות מיט א שטריימל.

**רבינו:** עס שטייט פונעם **מהרי"ל** (הל' שמחות, והובא **במגן אברהם** או"ח סימן תרצ"ו ס"ק י'), אז דער **מהרי"ל** האט מוצאי שבת געהערט ברכו (בימי אבלותו), און ער איז אוועקגעגאנגען. - פארוואס האט ער נישט געקענט בלייבען אין בית המדרש?

**גאב"ד סערדאהעלי:** וויל ער האט זיך געוואלט איבערטון.

**רבינו:** איבערטון איז וויכטיגער פון דאווענען אין בית המדרש?

**גאב"ד סערדאהעלי:** דאווענען מיט מנין איז נישט קיין חיוב וואס ליגט אויף אים יעצט, און דער **מהרי"ל** האט זיך געקענט פארשאפן א מנין אויך.

## עובדות וענינים מאת הגה"ק משאמלויא זצוק"ל

**רבינו:** דער ברודער האט געהייסן נאכן זיידען, דער **שאמלויא'ער רב**. ביי די קריג ביסטו געווען צוזאמען מיט זיידען?

**הרה"ח הישיש רבי יעקב עהרענרייך** (בן הגה"צ רבי **משה לייב עהרענרייך זצ"ל** אב"ד שארמאשאג, בן הגה"ק **משאמלויא זצוק"ל**): יא. איך בין געפארן קיין אושוויץ צוזאמען מיטן טאטען, און מיט רבי חיים (עהרענרייך זצ"ל, בן הגה"ק **משאמלויא זצוק"ל** ורב הצעיר דק"ק שאמלויא יצ"ו), און מיט די גאנצע משפחה. דער **קראסנא רב** (**הגה"ק רבי ברוך בענדיט זצ"ל**), און דער **טאשנאד'ער רב**.

**א' מהנוכחים:** דער **סערדאהעלער רב** איז אמאל געקומען קיין שאמלויא?

**הרה"ח רבי יעקב:** יא, און ער האט מיר געגעבן א פענגא (מטבע הונגרית). ער איז געווען א דזשענטעלמא"ן, פאר יעדן אייניקל האט ער געגעבן א פענגא.

**רבינו:** ווי אלט איז געווען דיין טאטע ביי די קריג?

**הרה"ח רבי יעקב:** ביי די זעכציג. דער זיידע (**הגה"ק משאמלויא זצ"ל**) איז אלט געווען צוויי און אכציג. דער **קראסנא רב** איז געווען מיט פיר יאר עלטער. דער **קראסנא רב** (**הגה"ק רבי ברוך בענדיט זצ"ל**) האט זיך אנגעטון ווייסע זאכן אינדערהיים אין קראסנא, און ער איז געגאנגען שפאצירן, און ער האט זיך געפילט זייער גוט, האט ער געזאגט, אז איך האב אזא געפיל ווען איך גיי מיט ווייסע זאכן, האט ער זיך עס אויסגעטון.

**הר"ר שרגא צבי פישמאן:** איך האב געהערט פון מיין זיידן (הרה"ח רבי **משה פישמאן** ז"ל), אז נעבן קראסנא איז דא א טייך, און ווען דער **קראסנא רב** איז אדורכגעגאנגען, האט ער זיך געזעהן אינעם טייך, און פון דעמאלטס האט ער עס אויסגעטון.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** איז אויך געגאנגען מיט ווייסע זאכן.

**הרה"ח רבי יעקב:** נאר אינדערהיים, אבער אויף די גאס איז ער נישט געגאנגען. מיט די שטריימעל איז ער יא געגאנגען אויף די גאס.

**רבינו:** איך מיין אז עס איז דא א בילד פונעם **שאמלויא'ער רב** מיט ווייסע זאכן.

ווי אזוי האט דער זיידע געהאט כח אין וואגאן דעם וועג צו גיין?

**הרה"ח רבי יעקב:** עס איז געווען שווער.

**רבינו:** שטיין אזויפיל שעות.

**הרה"ח רבי יעקב:** מען איז געזעסן אויף די ערד.

**רבינו:** עס איז געווען פלאץ צו זיצן?

**הרה"ח רבי יעקב:** יא. מען איז געזעסן איינס נעבן דעם אנדערן. מען האט געמאכט פלאץ פאר אים, אבער דער זיידע האט זיך גוט געהאלטן. ער איז געגאנגען מיט א שטעקן, אבער ער האט זיך גוט געהאלטן.

## בענין עניית אמן על נוסח 'המקום ינחם'

**האדמו"ר מראפשיץ:** מיין טאטע (**הגה"צ ממוזשאי זצ"ל**) פלעגט אלץ רעדן ביי א ניחום אבלים, צו ווען מען זאגט המקום ינחם אתכם וכו', צו מען ענטפערט אמן, צו נישט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געהערט פונעם **קאפיש'ער רב**, ער איז מיר געווען א פעטער (שהיה חתן **הגה"צ בעל אהבת חיים ממאקאווא זצ"ל** בזוו"ש), אז מען דארף זאגן אמן.

**רבינו:** וואס איז די צד אז נישט?

**האדמו"ר מראפשיץ:** עס איז נישט א געהעריגע ברכה. ער האט געזאגט, אז ווען מען זאגט דעם מי שברך פאר מוסף, ענדיגט מען 'ונאמר אמן'. וואס איז דער 'ונאמר אמן'. האט ער געזאגט, ווייל עס איז דא אמאל א ברכה וואס מען זאגט, און מען ענטפערט נישט קיין אמן. המקום ינחם אתכם, איז נישט א געהעריגע ברכה, זאגט מען נישט קיין אמן. איז מען מתפלל 'ונאמר אמן', אז מען זאל זאגן אזא ברכה וואס מען זאל קענען ענטפערן אמן.

**רבינו:** עס האט איינער אמאל געזאגט, אז דאס איז איינע פון די בקשות. אז מען זאל ענטפערן אמן, ווען מען הערט א ברכה. [יצויין **שרבינו שליט"א** נהג לענות אמן על כל הניחומין במשך ימי השבעה].

---

## בענין הקשר של הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל עם חותנו הגה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל

---

**הגה"צ רבי ישראל חיים קאהן שליט"א, אב"ד תולדות אהרן - בית שמש:** דער רב איז געווען ביי די חתונה פונעם ברודער, אין ארץ ישראל?

**רבינו:** יא. איך געדענק פון די חתונה, אז דער טאטע [**הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל**] האט געטאנצט מצוה טאנץ אויף דעם ניגון וואס ער פלעגט טאנצן. ער פלעגט נישט צו זינגען דעם ניגון נאר יום הקדוש ביי אין קצבה, און אויף דעם ניגון פלעגט ער טאנצן מצוה טאנץ. און עס איז געווען נאכדעם א שבע ברכות ביי רבי משה טובי' גרינצווייג ז"ל אין שטוב, און דער ניגון איז געווען א נייער ניגון ביי אונז אין די משפחה, און רבי משה טובי' האט אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון ביי די סעודה, און ער האט אים געלאזט איינמאל אויסזינגען, און ווען ער האט עס געוואלט איבערזינגען, האט ער אים געוויזען אז ער זאל נישט. דאס האט ער אוועקגעלייגט אויף די ימים נוראים, און מען זאל עס נישט זינגען א אנדערס מאל. - היינט איז אלע ניגונים אויסגעמישט, מען זינגט א גאנץ יאר פון ל"ג בעומר וכדומה.

**אב"ד תולדות אהרן ב"ש:** ער האט געהאט א קפידה אז די ניגונים פון ימים נוראים, זאל מען נישט זינגען א גאנץ יאר.

רבי מענדל ווייס איז געווען דער שדכן, האט ער דערציילט אז ווען ער האט אנגעטראגען דעם שידוך פאר מיין טאטן, אז ער איז א וואוילער בחור, און א תלמיד חכם, האט אים דער טאטע געזאגט, אלעס איז זייער פיין, ער וויל אבער זעהן, ווי אזוי עס איז זיין התנהגות ביים עסן. צו ער לויפט פון די ערשטע וכדומה. האט ער געשיקט איינעם זאל אים באקוקן ווי אזוי ער עסט. ווען ער איז אריינגעקומען אין קאך, האט ער געזעהן ווי ער יאגט זיך נישט, ער גייט שטייט, ווען עס קומט צום עסן. האט ער געזאגט, אויב אזוי קען מען רעדן דערפון.

**רבינו:** דער טאטע האט אמאל געשריבן אין א בריוו פאר רבי מענדל, אז ער האט געהאט ספיקות אויפן שידוך, און פרייטאג צו נאכטס ביים דאווענען, האט ער געבעטן, אז דער אייבערשטער זאל אים חונן דעת זיין, צו ער טוט דעם ריכטיגען שידוך צו נישט. האט ער געעפענט זיין סידור, איז אויסגעקומען מזמור שיר ליום השבת, וואס איז די ר"ת שלמה. נאכדעם האט ער נאכאמאל געעפענט דעם סידור, איז אויסגעקומען שאו זמרה ותנו תוף, איז די ר"ת ש"ז שלמה זלמן, האט ער געוואוסט אז דאס איז דער שידוך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט געשריבן פאר רבי מענדל אין א בריוו, אז ווען די מאמע האט געדארפט פארן זעהן די כלה, האט ער נישט געוואלט אז זי זאל דעמאלטס קומען, נאר זי זאל ערשט קומען אין א צוויי דריי טעג שפעטער. איך געדענק שוין נישט וואס די סיבה איז געווען. האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטען, אז טאמער מען איז נאכנישט געפארן, זאל דער אייבערשטער אריינגעבן אין זייער קאפ, אז זיי זאלן עס אפשטופן אויף אפאר טעג. די מאמע ע"ה האט געדארפט דעמאלטס פארן, און ווען זי איז אנגעקומען צום פליגער, איז עפעס געשעהן, און דער פליגער האט נישט געקענט פארן. האט מען אפגעשטופט יעדן איינעם, אויף א צוויי דריי טאג, און נאכדעם איז זי געפארן.

**רבינו:** איך האב אסאך מאל געהערט פונעם ברודער ז"ל, אז איינמאל יום הקדוש אינדערפרי האט אים דער שווער געזאגט, די נאכט האב

איך גע'חלומ'ט פון דיין מאמע. דו ווייסט אז איך האב שוין לאנג נישט געטראכט אויף איר, און עס איז מיר געווען א פלא. האט ער געפרעגט, וואס האט דער שווער געחלומ'ט. האט ער אים געזאגט, עס איז יום הקדוש, איך וועל דיר שוין זאגן מוצאי יום טוב. מוצאי יום טוב האט ער אים איבערגעפרעגט, האט ער געזאגט, איך געדענק שוין נישט. [איך געדענק נישט, צו עס איז געווען דאס יאר וואס די מאמע איז אוועק].

*

בשעות אחר הצהרים הגיעו לניחום אבלים הגאונים והצדיקים: **רבי יצחק יעקב אילאוויטש שליט"א** אב"ד יעמרינג, **רבי שלמה לייב וויינבערגער שליט"א** אב"ד פאיע, **רבי יונתן בנימין כ"ץ שליט"א** אב"ד פאלטישאן פלעטבוש, **רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם, **רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, **האדמו"ר מזשמיגראד ב"פ שליט"א**, **רבי יצחק אייזיק פריעדמאן שליט"א** אב"ד טענקא פלעטבוש, **רבי ישראל אונסדארפער שליט"א**, **רבי אשר מרגליות שליט"א** רב אוהל משה וויען יצ"ו, **רבי משולם פייש גינזבערג שליט"א** האדמו"ר מחוסט, **האדמו"ר מלעלוב ב"פ שליט"א** (50 סט.), **רבי ישראל חיים אשרי שליט"א** אב"ד תולדות אפרים, **רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה (ב"פ).

*

***יום שני פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית בבית המדרש סאמבאטהעלי השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ישראל יעקב ראכליץ** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות לפני הצהרים הגיעו לניחום אבלים הגאונים והצדיקים: **רבי מרדכי שטיין שליט"א** אב"ד פאלטישאן, **רבי משה לאבין שליט"א** אב"ד חרדים-זידיטשוב, **רבי יהושע יחזקאל טעמפלער שליט"א** ראה"כ שערי לימוד, **רבי יחזקאל הורוויץ שליט"א** אב"ד שטראסבורג, **האדמו"ר מבאבוב שליט"א**, **רבי דוב וויעדער שליט"א** אב"ד לינז. - כמו כן עברו ילדי התלמוד תורה בוומסב"ג ובמאנסי לניחום אבלים.

בשעות אחר הצהרים הגיעו הגאונים והצדיקים: **רבי חיים יוסף לייטנער שליט"א** אב"ד מאנטיווידעא, **האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א**, ובנו **רבי שלמה יעקב זיידא אייכנשטיין שליט"א** אב"ד גאלאנטא **רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א** אב"ד סיגוט, **רבי שמשון צינגנער שליט"א** אב"ד תבואות שמש, **האדמו"ר מביקסאד שליט"א**, **רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חת"ס פ"ת, **האדמו"ר מבורשטין שליט"א**, **רבי דוד שלמה כ"ץ שליט"א** אב"ד בית אהרן פלעטבוש, **רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, **רבי אלי' יצחק בריסק שליט"א** אב"ד טאשנאד, **רבי יוסף טערקלטויב שליט"א** אב"ד אשוי, **רבי צבי מיללער שליט"א** אב"ד אראד, **רבי שלום יוסף חיים פריעד שליט"א** אב"ד קראסנא, **האדמו"ר מפאפא שליט"א**, **רבי אברהם יעקב הורוויץ שליט"א** אב"ד מעליץ (מאנסי).

אחר תפלת מנחה הגיעו הגאונים והצדיקים: **הגה"צ מצעהלים שליט"א**, **רבי משה ראזנער שליט"א** אב"ד טערצאל, **רבי אהרן קאהן שליט"א** רב דביהמ"ד דברי אמונה (מאנסי), **רבי אליעזר ליפא זילבערמאן שליט"א** אב"ד ראצפערט, **רבי צבי אונסדארפער שליט"א** ראה"כ פאפא ב"פ, **רבי משה יעקב הורוויץ שליט"א** האדמו"ר מספינקא מאנסי, **האדמו"ר מסקווירא שליט"א**, **רבי אלטר קרויז שליט"א** אב"ד קערעסטיר מאנסי, **רבי יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א** מגיד משרים ור"מ בישיבת סאטמאר וומסב"ג, **רבי יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א** מו"ץ בק"ק פאפא, **רבי נחום מאיר גערמאן שליט"א** ר"מ בישיבת באבוב, **רבי משה פרץ שווארץ שליט"א** רב דביהמ"ד קול אריה (לעיקוואד), **רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א** אב"ד לימנוב, **האדמו"ר מוויזשניץ קיימישע שליט"א**, **רבי יהושע כ"ץ שליט"א** אב"ד מאגרוב. – כמו כן עברו בחורי חמד תלמידי הישיבה קטנה לניחום אבלים.

אחר מעריב הגיעו: **האדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא שליט"א**, **האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א**, **האדמו"ר מקראלי שליט"א**, **האדמו"ר מסקווירא פלעטבוש שליט"א**.

*יום שלישי פרשת שלח*

בשעות לפני הצהרים הגיעו לניחום אבלים הגאונים והצדיקים: רבי שמואל שמעלקא פריעדמאן שליט"א דומ"ץ התאחדות הרבנים, רבי יחיאל וואגשאהל שליט"א אב"ד תפארת משה, האדמו"ר מגארליץ שליט"א, האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א, רבי דוד ליבערמאן שליט"א אב"ד שעניא, האדמו"ר מלעלוב שליט"א (א"י), רבי משה מנחם ווייס שליט"א דומ"ץ פאפא ב"פ, רבי דוד ראזענבוים שליט"א האדמו"ר מקאלבאסוב, רבי יחזקאל מייזליש שליט"א אב"ד איהעל, רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א אב"ד שומרי שבת, רבי יצחק אייזיק שנעבאלג שליט"א רב דק"ק בעלזא-מאכנובקא, רבי אהרן טייטלבוים שליט"א אב"ד נירבאטור, רבי זלמן הלברשטאם שליט"א מטשאקאווא, רבי בנציון שטראסער שליט"א אב"ד נייטרא ב"פ, רבי דוד ארי' עהרענפעלד שליט"א אב"ד מאטערסדארף, ואחיו רבי אשר אנשיל מנחם עהרענפעלד שליט"א ר"י אהלי שמואל, רבי שמואל דוד סאקס שליט"א דומ"ץ פשעווארסק, רבי משה פלאם שליט"א אב"ד סטרעטין, רבי גבריאל ציננער שליט"א אב"ד נטעי גבריאל, האדמו"ר מקאסאן שליט"א, ואחיו רבי אברהם ברוך ראטענבערג שליט"א ר"י קאסאן, רבי משה מאיר בריעף שליט"א אב"ד איבראן, רבי אלתר אליעזר הורוויץ שליט"א אב"ד אגודת ישראל, רבי משה וואלפסאן שליט"א אב"ד אמונת ישראל, רבי אלעזר שלום מאסקאוויטש שליט"א אב"ד זלאטשוב, רבי שמואל בערגער שליט"א אב"ד מישקאלץ, רבי ישראל חיים הורוויץ שליט"א אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער, רבי אלישע הורוויץ שליט"א רב דביהמ"ד אגודת אחים (לארענס).

בשעות אחר הצהרים הגיעו הגאונים והצדיקים: רבי ישעי' ווייס שליט"א מגיד משרים, רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א דומ"ץ סאטמאר קליימער, רבי חיים אלעזר פריעדמאן שליט"א אב"ד טענקא, האדמו"ר מטשערנאביל שליט"א, האדמו"ר מהורודענקא פלעטבוש שליט"א, האדמו"ר מסאטמאר שליט"א (ק"י), האדמו"ר מפאפא ב"פ שליט"א, רבי אשר אנשיל שעהר שליט"א אב"ד קלעסאן, רבי אברהם האלברשטאם שליט"א רב דקהל מנחת חינוך טארטיקוב, רבי שמשון כ"ץ שליט"א, רבי שמואל טייטלבוים שליט"א ראה"כ מעוררי השחר, רבי יוסף חיים פרענקל שליט"א אב"ד וויעליפאלע, רבי יחיאל באב"ד שליט"א אב"ד טארטיקוב, רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א אב"ד ברעזשאן, האדמו"ר מווערדאן שליט"א, רבי יוחנן וואזנער שליט"א דומ"ץ סקווירא וומסב"ג, רבי עקיבא לודמיר שליט"א אב"ד פרעשבורג, רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א אב"ד נייטרא מאנסי, רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א אב"ד ישראל והזמנים, רבי בנציון שנעעבאלג שליט"א אב"ד ראזלא. - כמו כן עברו בחורי חמד תלמידי הישיבה גדולה לניחום אבלים.

אחר תפלת מנחה הגיעו הגאונים והצדיקים: רבי יחזקאל דייטש שליט"א אב"ד מקור חיים, האדמו"ר מקאסאן שליט"א (9 עוו.), האדמו"ר מוויזניץ ירושלים שליט"א, האדמו"ר מסקאליע שליט"א, רבי נפתלי אלימלך וואגשאהל שליט"א אב"ד אור לשמים אפטא, רבי יצחק מרדכי האלברשטאם שליט"א האדמו"ר מקיוויאשד, רבי שלמה ווידער שליט"א דומ"ץ התאחדות הרבנים, רבי ישראל ארנסטער שליט"א, רבי ברוך כהנא שליט"א האדמו"ר מקארלסבורג וומסב"ג, רבי לייבוש גאלדבערגער שליט"א אב"ד מעדיער, רבי אביגדור דניאל פיש שליט"א האדמו"ר מהאדאס-סאלקא, רבי שלמה פנחס מלבוצקי שליט"א דומ"ץ סלונים (מאנסי), רבי ברוך ראזענבוים שליט"א אב"ד נאנאש, האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א, רבי יצחק חיים זעלטענרייך שליט"א אב"ד טשאקאווא, האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א, האדמו"ר מזידיטשוב באר שבע שליט"א, רבי חיים יצחק טווערסקי שליט"א האדמו"ר מלויעב טשערנאביל, רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א אב"ד אבני צדק, האדמו"ר מדעעש ב"פ שליט"א, רבי אלתר אליעזר הורוויץ שליט"א רב אברכים סאטמאר ב"פ, האדמו"ר מדינוב שליט"א, רבי אברהם לויפער שליט"א אב"ד דאראג, רבי מנחם פישער שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי, רבי מאיר פארטיגאל שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א).

אחר מעריב הגיעו הגאונים והצדיקים: רבי נפתלי מאיר באבאד שליט"א אב"ד טארניפאל, האדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א, רבי שמואל חיים

הלברשטאם שליט"א אב"ד קרשאנוב, רבי בנימין לאנדא שליט"א דומ"ץ טאהש ב"פ, רבי צבי אויש שליט"א אב"ד וואלקאן, רבי חיים מערץ שליט"א האדמו"ר מתולעת יעקב, רבי ישכר בעריש וויינבערגער שליט"א אב"ד טורקא, האדמו"ר מספינקא ב"פ שליט"א, רבי יהושע לייפער שליט"א אב"ד באר משה ונשיא עוז והדר, רבי חיים יהושע באבאד שליט"א מטארטיקוב, רבי צבי הירש ראבינאוויטש שליט"א דומ"ץ באבוב מאנסי, רבי יצחק אייזיק שנעבאלג שליט"א אב"ד מיקולייב, רבי יצחק ביסטריצקי שליט"א, האדמו"ר מספינקא שליט"א (18 עוו.), רבי יהושע העשיל קאצבורג שליט"א דומ"ץ בעלזא ב"פ, האדמו"ר מאונגוואר שליט"א.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

בשעות לפני הצהרים הגיעו לניחום אבלים הגאונים והצדיקים: רבי משה יוסף אונסדארפער שליט"א אב"ד זלאזיץ ב"פ, רבי אברהם עקשטיין שליט"א אב"ד בוענאס איירעס, רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א אב"ד סאטמאר וומסב"ג, רבי משה גראס שליט"א אב"ד סעליש, האדמו"ר מטשערנאוויץ שליט"א, האדמו"ר מוויזשניץ ב"פ שליט"א, רבי אברהם צבי וואזנער שליט"א אב"ד סאטמאר מאנסי, רבי שמעון יואל וויינבערגער שליט"א דומ"ץ סקולען וומסב"ג, רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, רבי מרדכי אברהם כ"ץ שליט"א אב"ד תורה ודעת, רבי נתן נפתלי הורוויץ שליט"א אב"ד אור יחזקאל, רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א דומ"ץ דקהל יטב לב וומסב"ג, רבי אברהם ברוך זינגער שליט"א אב"ד אלכסנדר, רבי משה שמעון הורוויץ שליט"א אב"ד באסטאן (ביתר), רבי אברהם בער יאזעפאוויטש שליט"א דומ"ץ מונקאטש, רבי שאול יהודא פריזאנט שליט"א אב"ד צאנז-זוועהיל. - כמו כן עברו ילדי התלמוד תורה בבארא פארק לניחום אבלים.

בשעות אחר הצהרים הגיעו הגאונים והצדיקים: רבי אלעזר ליבערמאן שליט"א אב"ד בעסערמין, האדמו"ר מלעלוב בית שמש שליט"א, רבי מאיר יוסף ראזענבוים שליט"א האדמו"ר מסטראזניץ, רבי מרדכי עהרענרייך שליט"א אב"ד שאמלויא, האדמו"ר מסאטמאר שליט"א (וומסב"ג), רבי משה ירחמיאל גרינפעלד שליט"א אב"ד סעמיהאי, רבי יחזקאל ראטה שליט"א גאב"ד קארלסבורג, ובנו רבי משה ראטה שליט"א, רבי אלכסנדר אליעזר זושא שיק שליט"א אב"ד אוסטראה, רבי שמואל דוד וויסמאנדל שליט"א, רבי בערל טויב שליט"א (ומסר מכתב תנחומין מאביו כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א), רבי יוקל הורוויץ שליט"א אב"ד זאליזשא, רבי משה שמואל ראטענבערג שליט"א אב"ד קאזעווע (פלעטבוש), רבי נתן זעגעלבוים שליט"א אב"ד וויען פלעטבוש, רבי יצחק צבי ווייס שליט"א אב"ד אוהעל, רבי שלמה צבי קעניג שליט"א אב"ד יאקע, רבי צבי הלוי פריעדמאן שליט"א אב"ד סעליש, רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים שליט"א אב"ד נאדבורנא לינסק, רבי יהושע העשיל ראזענבוים שליט"א האדמו"ר מקליוולאנד, רבי פסח מיללער שליט"א אב"ד חומעלניק, רבי מרדכי אלימלך וואזנער שליט"א אב"ד שבט הלוי, רבי יוסף מאייער שליט"א ר"י מאור התורה.

אחר תפלת מנחה הגיעו הגאונים והצדיקים: רבי צבי הערש פריעדלענדער שליט"א האדמו"ר מליסקא, רבי שמואל דוד קרויז שליט"א אב"ד אודווארי, רבי ברוך שמשון האלבערשטאם שליט"א אב"ד רודניק, רבי דוד בעריש מייזליש שליט"א אב"ד סאטמאר ב"פ, רבי מאיר טודרוס זילבער שליט"א אב"ד יאוואזשנא, רבי ישעי' לאבין שליט"א האדמו"ר מזידיטשוב, רבי אהרן זאב מאליק שליט"א אב"ד סאמבור, רבי אהרן גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא וומסב"ג, האדמו"ר ממונקאטש שליט"א, ובנו רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א ר"י מונקאטש, רבי מנשה כ"ץ שליט"א אב"ד פריימאן, רבי אלעזר מענדל מייזליש שליט"א אב"ד ניימארק, רבי אברהם משה קרויס שליט"א אב"ד טאפאלטשאן, רבי מרדכי מנשה זילבער שליט"א אב"ד תולדות יהודה סטיטשין, רבי יוסף משה מייזליש שליט"א אב"ד לאסק, רבי יעקב ווידער שליט"א אב"ד מאקאווע, רבי יוסף זילבער שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו התאחדות אברכים (מאנסי), רבי לייבל וויליגער שליט"א ר"י תורה ודעת, רבי חיים אלעזר

**ראבינאוויטש שליט"א** דומ"ץ דינוב (ובשליחות חותנו האדמו"ר מסטריזוב שליט"א), **האדמו"ר מנייטרא שליט"א**, **רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים, **רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א** חבר ביד"צ טארטיקוב, **רבי מנשה לייפער שליט"א** אב"ד נדבורנא וומסב"ג, **רבי אליעזר אייכלער שליט"א** אב"ד באיאן ב"פ, **רבי יחזקאל הורוויץ שליט"א** מדזיקוב וומסב"ג, **רבי יוסף הורוויץ שליט"א** ראה"כ מונקאטש, **רבי חיים מאיר האגער שליט"א**, **רבי דוד דוב אונסדארפער שליט"א** אב"ד שער אפרים.

אחר מעריב הגיעו הגאונים והצדיקים: **רבי יוסף יונה וייסבלום שליט"א** אב"ד שעדליץ (לעיקוואד), **רבי שמואל מרדכי פארטיגאל שליט"א** אב"ד סקולען (לעיקוואוד), **רבי ישראל אליעזר אדלער שליט"א** אב"ד מנחה חדשה, **רבי אברהם מאיר לאבל שליט"א** אב"ד נאסויד (מאנסי), **רבי שמואל שלמה שפיטץ שליט"א**, **רבי יהושע רובין שליט"א** אב"ד באבוב 45, **רבי אברהם עמרם מייזעלס שליט"א** אב"ד מיהאלדי, **רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא, **האדמו"ר מסקווירא ב"פ שליט"א**, **האדמו"ר מלעלוב ב"פ** (17 עוו.) **שליט"א**, **רבי דוד יצחק שיק שליט"א** רב דביהמ"ד ריבניץ, **האדמו"ר מצאנז קלויזענבורג שליט"א**, **רבי מנחם נפתלי טייטלבוים שליט"א** אב"ד טשענסקאוויץ, **רבי מנחם זכרי' זילבער שליט"א** אב"ד פריימאן, **רבי בנציון לאוב שליט"א** מו"ץ בק"ק סאטמאר וומסב"ג, **רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א** דומ"ץ סאטמאר ב"פ, **רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט"א** דומ"ץ סאטמאר (15 עוו.).

**- תוכן השיחות יבואו אי"ה -**

במשך השבוע ניחמו על הטלפון (לפי סדר א"ב): **כ"ק האדמו"ר מבעלזא שליט"א, כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, כ"ק הגה"צ גאב"ד מאקאווא שליט"א, כ"ק האדמו"ר מנאוואמינסק שליט"א, כ"ק האדמו"ר מפשעווארסק שליט"א, כ"ק האדמו"ר מצאנז שליט"א, כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א, הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א** גאב"ד ווינא, **הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א** דומ"ץ סקווירא מאנטריאל, ועוד.

***יום חמישי פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית ישבו האבלים ועברו כל הקהל לנחם בנוסח המקום ינחם וכו', ונכח שם **הרה"ג רבי אפרים יודא פארטיגאל שליט"א** (בשליחות אביו כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), ודיברו אודות המנהג להקיף הרחוב וללוות הנשמה בסיום ימי השבעה. אחר כך עמדו האבלים ושח **רבינו שליט"א** עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** כמה ענינים מדיני אבילות שבעה ושלושים. אחר כך יצאו לרחוב העיר ללוות הנשמה, והלכו דרך רחוב ווילסאן סט. והקיפו כל הרחוב, ושוחחו בכמה ענינים שונים בהל' אבילות וכדו'.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

***מתוך הדברי תורה:***

**די** וואך בין איך געזעסן שבעה, און איך האב נישט געקענט אסאך לערנען, ווייל א אבל איז אסור בדברי תורה, אבער טראכטען האט מען געקענט אסאך. איך האב געהאט א געוואלדיגען מוסר השכל, און א געוואלדיגע חיזוק פון מיין ברודער זכרונו לברכה, און איך וויל עס מיטטיילען מיט די בחורים. ער איז געווען א מגיד שיעור ביי אונז אין ישיבה אין סאמבאטהעלי, און פאר דעם אין ארץ ישראל, און א שטיק צייט איז ער געווען א מנהל אין סאטמאר, אבער פופצן יאר איז שוין דא, פון ווען ער האט שוין נישט געהאט צוטון מיט יונגערע בחורים. ער איז נישט געווען געזונט כמעט צען יאר, און בערך פופצן יאר האט ער שוין נישט געלערנט מיט בחורים. שפעטער האט ער געזאגט דרשות פאר בעלי בתים, אבער נישט פאר יונגערע בחורים. און עס זענען געקומען יונגעלייט מנחם אבל זיין, און נישט איינס, און נישט צוויי, נאר צענדליגער, האבן געזאגט, אז עס ליגט זיי נאך אין די ביינער די מוסר און די דברי תורה וואס זיי האבן געהערט אלץ בחור. יעדער האט ארויסגעברענגט א אנדערע נקודה, ווי אזוי עס איז געווען זיין הנהגה, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, ווי אזוי זיין דאווענען איז געווען. ער איז געווען

מנהל אין ישיבה קטנה, אויף די ערשטע צוויי כיתות, אפשר אויך אויף די דריטע כתה. מען רעדט פון פערצן פופצן יעריגע בחורים, און זיי האבן אלע ארויסגעברענגט, אז זיי האבן דעמאלטס נישט פארשטאנען וואס זיי האבן, און עס האט געמאכט א געוואלדיגען רושם שפעטער אויף זייער לעבן. יארן שפעטער ווען מען קוקט צוריק, זעהט מען וואס פאר א רושם עס האט געמאכט אויף זיי, וואס זיי האבן געהערט און געזעהן אין די יונגע יארן.

**און** עס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק. מען מיינט אסאך מאל, אז מען רעדט צו בחורים, און מען האלט נישט ביים מקבל זיין, עס איז א שאד פאר יעדן ווארט וואס מען זאגט. אסאך מאל זעהט מען נישט אז עס זאל עושה פירות זיין, און עס טוט אסאך מאל אפקילען, אז עס איז נישט אזוי וויכטיג צו זאגן. מען קען אמאל אויסלאזן א שיעור, עס איז נישט אזוי וויכטיג. עס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק, מען מיינט אז מען רעדט צו די פיר ווענט. ווען מען רעדט צו יודען, רעדט מען נישט צו די פיר ווענט, עס מאכט א רושם. אפילו נישט בשעת מעשה, און אפשר אפילו נישט אין א יאר ארום, אבער ווען מען ווערט יונגעלייט, יעצט פארציילען זיי, אז זיי הייבן אן מרגיש צו זיין, וואס מען האט געהערט ווען מען איז געווען אין די יוגענט. און עס האט מיר געגעבן חיזוק.

און איך וויל עס ארויסברענגען כלפי די בחורים אויך. מען מיינט אסאך מאל, איך בין ממילא נישט דערביי ביי וואס מען רעדט. מען רעדט פון דאווענען, מען רעדט פון מדות וכדומה, מען זאל קענען א מסכתא, איך בין נישט דערביי, און עס איז א שאד אז מען רעדט צו מיר. עס איז נישט קיין שאד! עס גייט אריין אין ענק! אפילו עס מאכט נישט קיין רושם תיכף, מאכט עס א רושם שפעטער. און עס האט מיר געגעבן א חיזוק, אז מען טאר זיך נישט צוריקהאלטען, מען דארף רעדן, און מען דארף זאגן, און קיינמאל זיך נישט צוריקהאלטן און זאגן, עס האט נישט געמאכט קיין רושם. מען ווייסט נישט צו עס מאכט א רושם צו נישט, אפילו עס האט נישט געמאכט א רושם בשעת מעשה, אבער יארן שפעטער ווערט מען געוואר ווערן, וואס פאר א רושם עס האט געמאכט.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז מען געפונט ביי משה רבינו, אז ער האט געזאגט, האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי, יערוף כמטר לקחי, מיין לערנען זאל טריפן אזוי ווי רעגן, תזל כטל אמרתי, עס זאל זיין אזוי ווי טל (דברים לב-א). מען ווייסט, אז תבואה קען נישט וואקסען אן רעגן. אלע פירות פון די ביימער, אלעס וואס וואקסט שפעטער איבערן יאר, אלעס איז נאר פון די רעגן. ועצר את השמים, ולא יהיה מטר, והאדמה לא תתן את יבולה (שם יא-יז). ווען רעגנט? ווינטער. ווען קומען ארויס די פירות? זומער. ווען עס רעגנט, קוקט עס עפעס אויס ווי עס רעגנט אויף א פעלד וואס טוט גארנישט אויף, עס מאכט א בלאטע, נישט עפעס אנדערש. די ערד ווערט אדורכגעווייקט, און ווען עס קומט זומער, טריקענט זיך אויס די וואסער, און צוביסלעך קומט ארויס א בלומעלע, מיט א גראזעלע, און אזוי ווייטער, א קליינע פרי, א גרויסע פרי. - זעהט מען, אז בשעת עס קומט די רעגן, וואס די רעגן דאס גיט דעם חיות צו וואקסען, דערקענט זיך עס גארנישט. נאר חדשים שפעטער, הייבט אן ארויסצוקומען די פירות, וואס איז געווארן פון יענעם רעגן.

**די** יונגע יארן וואס א מענטש לערנט תורה, דאס איז די צייט וואס מען גיט די רעגן. עס רעגנט טל של תחיה, טל של תורה, אין מים אלא תורה (בבא קמא פב.). און אסאך מאל מיינט מען, אז עס רעגנט און עס רעגנט, אבער עס איז גארנישט, עס טויטשט מיך נישט, און איך ווער נישט אנדערש, איך זעה נישט ביי מיר קיין שינוי. אבער שפעטער מיט די צייט, ווען מען גייט שוין ארויס פון בית המדרש, מען איז שוין נישט דא, הייבט אן ארויסצוקומען די אלע גוטע זאכן וואס מען האט געהערט און מען האט מקבל געווען, וואס דאס לאזט איבער א רושם אויף א מענטש שפעטער.

**די** פרשה פון האזינו איז געווען די לעצטע מוסר ווערטער וואס משה רבינו האט געזאגט פאר יודען. זאגט משה רבינו פאר יודען, עטץ מיינטס אפשר אז עס איז א שאד צו רעדן צו ענק, עטץ זענטס ממילא נישט דערביי אז עטץ זאלטס מקבל זיין, האט ער געזאגט, יערוף כמטר לקחי, מיין לערנען מיט ענק איז אזוי ווי רעגן. רעגן דערקענט מען אויך נישט בשעת עס רעגנט אז עס טוט אויף, אבער שפעטער ווען מען דערמאנט זיך צוריק, ווערט מען געוואר וואס דער רעגן האט אלץ אויפגעטון. אזוי דארף א יוד שטענדיג מקבל זיין. אפילו ווען מען איז נישט דערביי, דארף מען הערן דרשות, הערן מוסר, לערנען דברי מוסר, ווייל אפילו מען איז נישט דערביי יעצט אויף דעם מאמענט מקבל צו זיין, אבער עס מאכט א רושם. די פירות זעהט מען אפשר נישט אויפן מינוט, אבער מען זעהט די פירות שפעטער.

**איך** האב עס געוומען א חיזוק פאר מיר, אז מען איז נישט יוצא מיט דעם וואס מען רעדט ווייניג, מען דארף רעדן. און עטץ דארפסט נעמען דעם חיזוק, אז אפילו עס מאכט נישט א רושם יעצט, אבער אין יארן ארום וועט עס מאכן א רושם.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הרה"ג רבי **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יוסף שלום פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **עקיבא קיזעלניק** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **משה קיזעלניק** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***<u>מתוך הדברי תורה:</u>***

**איך** בין געזעסן די וואך שבעה ל"ע, האב איך געלערנט די הלכות פון אבלות, דעם ענין פארוואס מען זאגט קדיש. דער מקור דערפון איז א גמרא (מסכת כלה רבתי פ"ב), און עס איז צוגעברענגט אין **אור זרוע** (ח"ב סוף סימן נ'), אז רבי עקיבא האט אמאל געזעהן א מענטש וואס איז געווען אינגאנצן שווארץ אזוי ווי א קויל, און ער האט געשלעפט שווערע פעקלעך וואס א מענטש קען נישט טראגען. און רבי עקיבא האט געמיינט, אז ער איז א ארבייטער ביי איינעם, און דער בעל הבית פייניגט אים, האט ער אים געוואלט אויסלייזען פון דעם געפענגעניש, האט ער אים געפרעגט, וואס גייט פאר מיט דיר. האט ער אים געזאגט, איך האב נישט קיין צייט צו רעדן. האט אים רבי עקיבא מפציר געווען, האט ער אים געזאגט, אז איך לעב שוין נישט, און מען האט מיך מעניש געווען מיט גיהנם, און איך דארף יעדן טאג אויסהאקען האלץ, און מען מאכט א פייער, און מען פארברענט מיך, און וועגן דעם בין איך שווארץ. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, האסטו געהערט צו דו האסט עפעס א תקנה מיט וואס מען קען דיר העלפן. זאגט ער, יא. איך האב געהערט אין הימל, אז טאמער א קינד זאגט ברכו אדער קדיש, איז עס מציל פון דינו של גיהנם. פרעגט אים רבי עקיבא, דו האסט איבערגעלאזט קינדער? זאגט ער אים, איך האב נישט איבערגעלאזט קיין קינדער ביים לעבן, אבער מיין ווייב איז געווען מעוברת, און מן הסתם איז געבוירן געווארן א קינד. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, ווי אזוי ער הייסט, און פון וועלכע שטאט ער איז, און רבי עקיבא איז אהין געפארן אין יענע שטאט.

**דער** מענטש פלעגט איינקאסירן די שטייער אין שטאט, און פאר די עשירים האט ער נושא פנים געווען, און די עניים האט ער זייער געדריקט. ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווייט, אז ווען רבי עקיבא איז געקומען, און ער האט זיך נאכגעפרעגט נאך אים, האט מען געזאגט, ב"ה אז ער לעבט שוין נישט. און ווען ער האט געפרעגט וועגן זיין ווייב, האט מען געזאגט, אז זי איז אויך נישט בעסער. האט ער געפרעגט, צו זי האט א קינד, האט מען געזאגט, יא, אבער מיר האבן נישט קיין שום שייכות מיט אים, מען האט אפילו נישט גע'מל'ט דאס קינד. איז רבי עקיבא געגאנגען, און ער

האט געגומען דאס קינד, און ער האט אים גע'מל'ט, און ער האט אנגעהויבען צו לערנען מיט אים תורה, און דאס לערנען איז נישט געגאנגען. האט רבי עקיבא געפאסט פערציג טעג, אז דאס קינד זאל קענען פארשטיין לערנען. ביז דאס קינד האט אנגעהויבען צו פארשטיין, און ער האט אים געברענגט אין בית המדרש צו זאגן ברכו און קדיש. שפעטער איז די נשמה געקומען, און האט אים באדאנקט, אז זייט דעמאלטס איז ער פטור געווארן מדינה של גיהנם. דאס איז דער מקור פון זאגן קדיש.

**עס** שטייט אין **שלחן ערוך**, אז ווען איינער איז א מומר, ער האט זיך גע'שמד'ט, און דאס קינד איז ערליך, דארף דאס קינד נישט זאגן קיין קדיש נאך זיין טאטע דעם מומר, ווייל עס העלפט נישט די קדיש. די קדיש העלפט נאר, אויב ער איז געווען א ערליכער יוד, נאר ער האט געזינדיגט וכדומה, און ער איז נישט יצא מכלל ישראל, אבער טאמער ער איז יצא מכלל ישראל, איז א שאד צו זאגען קדיש, און ער איז נישט מחוייב צו זאגען קדיש אויף זיין טאטע אין אזא פאל.

**עס** שטייט אין **רמ"א** (יו"ד סימן שע"ו סעיף ד'), ואם נהרג על ידי עכו"ם, טאמער דער מומר איז גע'הרג'ט געווארן דורך א גוי, זאגט מען נאך אים קדיש. די מקור איז א **שו"ת בנימין זאב** (סימן ר"ג), ווייל אזוי ווי מען האט אים גע'הרג'ט, ער איז נישט געשטארבען כדרך כל האדם, נישט מיט א נארמאלע מיתה, איז מיתה מכפרת עליו, האט די מיתה מכפר געווען אויף אים, אז עס נוצט שוין יעצט תיקונים לעילוי נשמתו, איז ממילא אז מען האט אים גע'הרג'ט, קען מען זאגען נאך אים קדיש. - זעהט מען, אז אפילו א מומר, וואס מען האט אים גע'הרג'ט, אפילו נישט על קידוש ה', נאר סתם מען האט אים גע'הרג'ט, וויבאלד ער איז נישט געשטארבען מיט א נארמאלע מיתה, האט די מיתה מכפר געווען, און מען קען אים שוין מעלה זיין.

**האב** איך אזוי געטראכט, עס איז געווען אזא גרויסע קריג, און עס זענען אוועק אזויפיל מיליאנען מענטשען, רובם זענען נישט געווען שומרי תורה ומצות, די השכלה מיט אלעם האט שוין אנגעמאכט גרויסע חורבנות. אבער זיי זענען דאך אלע גע'הרג'ט געווארן, אפילו אן קידוש ה', אבער מען איז גע'הרג'ט געווארן על ידי עכו"ם. און אז מען ווערט גע'הרג'ט נישט מיט א נארמאלע מיתה, איז מיתה מכפרת. עס איז געווען א געוואלדיגע עילוי פאר אזויפיל מיליאנען נשמות וואס זענען אוועק אין די קריג. דער עיקר איז דאך נישט צו לעבן אויף די וועלט, דער תכלית איז דאך צוצוקומען צו חיי עולם הבא. אונז קוק מיר אלעס מיט פליישיגע אויגן, און אז מען האט אוועקגענומען א מענטש פון די וועלט, האט ער געהאט א עונש. עס איז נישט געווען א עונש, עס איז געווען פאר זיי א געוואלדיגע תיקון, וואס דורך דעם זענען אזויפיל טויזנטער נשמות נתעלה געווארן.

**איך** האב געטראכט, אז ביי די חטא העגל, און ביי די מרגלים, האט דער אייבערשטער געזאגט, אכנו בדבר ואורישנו (במדבר יד-יב) איך גיי ברענגען א דבר, א נישט נארמאלע מיתה, און זיי גייען שטארבען. עס איז נישט א עונש וואס דער אייבערשטער האט זיי געוואלט שטראפען אוועקצונעמען דאס לעבן. נאר פאר אזעלכע גרויסע עבירות, זיי האבן גערעדט כלפי מעלה, דארף מען דאך האבן עפעס א תיקון. ווי אזוי קענען זיי האבען א תיקון, ביים לעבן וועלן זיי דאך שוין נישט מתקן זיין. אבער אויב עס וועט קומען אויף זיי א מיתה משונה, זיי וועלן אוועקגיין פון די וועלט נישט אויף א נארמאלע וועג, דאס וועט זיי מעלה זיין, און זיי וועלן צוקומען צו זייער תכלית. אכנו בדבר ואורישנו, איז נישט דער פשט, אז מען גיט יענעם קלעפ, און איך וועל אים הרג'ענען, נאר איך זוך א וועג ווי אזוי איך וועל זיי קענען מעלה זיין. האט דער אייבערשטער געזאגט, אכנו בדבר ואורישנו, און דורך דעם וועל איך זיי קענען מעלה זיין.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל מסיבה להחזקת הבית חינוך לבנות 'בנות חנה' דקהלתנו במאנסי, שהתקיים בבית **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

***<u>ערב שבת קודש פרשת שלח</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **משה יעקב קליין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

***<u>שבת קודש פרשת שלח</u>***

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **כ"ק האדמו"ר מלעלוב בית שמש שליט"א** בברכת המזון.